אַ כוונה צו פאַרבינדן זיך מיטן אויבערשטן.

איז אָבער דער אמת, אַז יעדער איד, בפנימיות נפשו האָט ער אַ רצון טאָן טוב[51]). און הגם אַז אַט־דער רצון איז ביי אים בהעלם, איז ער דאָך פאַרבונדן אויך מיט זיינע ענינים שבפועל[52]) און דעריבער איז עס על דרך „עסוקין באותו ענין". ובדוגמת ועל־דרך ווי ביי קרבנות, אַז אפילו אויב די כהנים זיינען ניט מכוון די כוונות וועלכע דאַרפן זיין ביי די קרבנות, איז „לב בית דין מתנה עליהם"[53]) — צוליב דער פנימיות־דיקער איבערגעגעבנקייט פון יעדער אידן צו בית דין (און זייער פסק־דין)[51]), העלפט דער תנאי פון בית דין און ס'איז אַזוי ווי די כהנים אַליין זיינען מכוון[54]).

און דעריבער איז מצוות אין צריכות כוונה, ווייל ביי יעדער אידן איז זיין טאָן אַ מצוה אין אַ גדר פון „עסוקין באותו ענין", און בעת ער טוט אַ מצוה, אפילו אָן כוונה, גיט ער בפנימיות רצונו איבער דעם אויבערשטן זיין גוף און זיין חלק אין וועלט, און עס ווערט די צוותא וחיבור פון אים מיטן אויבערשטן — אין אַן אופן פון אירוסין, וואָס דאָס ברענגט דערנאָך צו נישואין, ביז אַז כמ"ש[55]) — ביום ההוא גו' תקראי אישי ולא תקראי לי עוד בעלי, בביאת משיח צדקנו בקרוב ממש.

(משיחות כ"ד טבת תשכ"ג)

# תבוא

א. דעם ציווי „והלכת בדרכיו" (וואָס עס שטייט אין פ' תבוא) רעכנט דעם רמב"ם[1]) אין דעם מנין פון די תרי"ג מצוות. און ער טייטשט אויס די מצוה: „להדמות בו יתעלה כפי היכולת" (מען זאָל זיך גלייכן צום אויבערשטן יתעלה לויט דער מעגלעכקייט). ד.ה. מען זאָל זיך פירן לויט די מדות פון דעם אויבערשטן, און ווי דער רמב"ם ברענגט דאָרט די דרשה[2]): „מה הקב"ה נקרא חנון אף אתה הי' חנון, מה הקב"ה נקרא רחום

---

51) רמב"ם הל' גירושין ספ"ב.

52) וכמובן מהדין ברמב"ם שם שאמירתו „רוצה אני" (אף שהיא מצד האונס) מהני (מפני פנימיות רצונו; ולכן לא מהני האמירה באנסוהו לגרש שלא כדין.

53) זבחים ו, ב. — וראה ברש"י שם ד"ה קרבנות: ואפילו לא ידע השוחט מה הן. ויותר מזה בפיה"מ ריש זבחים (ובהרע"ב שם) דאפילו בשחטו שלא לשמן. וכבר הקשו ע"ז ממנחות (עח, ב). וראה פנים מאירות, חק נתן ועוד לזבחים. ואכ"מ.

54) והא דבכמה ענינים צריך שיאמר רוצה אני או שצ"ל לב ב"ד מתנה (ואין מספיק פנימיות רצונו) — זהו גדר ופרט נוסף בענינים אלה על שאר המצות. ועד שישנם מצות שכוונה גלוי' מעכבת גם בדיעבד (וכמו תפלה) ועד שישנם מצות שכולם אך כוונה — חובות הלבבות.

55) הושע (ב, יח), שזהו עילוי לגבי תחלת הנישואין שע"ז נאמר כי בועליך גו' (ראה שמו"ר ספט"ו), כ"א ככלה בבית חמי' (כתובות עא, סע"ב).

1) ספר המצות מ"ע ח. הל' דעות פ"א, ה"ה. והוא מסוטה יד, א. הובא בשו"ע אדה"ז הל' משא ומתן סקנ"ו, ס"ג.

2) והוא מספרי עקב יא, כב. הובא בהל' דעות שם ה"ו. שו"ע אדה"ז שם. וראה ג"כ מכילתא בשלח טו, ב. שבת קלג, ב.

אף אתה הי׳ רחום, מה הקב״ה נקרא חסיד אף אתה הי׳ חסיד״.

צווישן די שרשים וועלכע דער רמב״ם גיט בנוגע מנין המצוות, זאָגט ער [3], אַז אַ ציווי כולל, אַזוי ווי „את חקותי תשמרו גו׳״ אָדער „קדושים תהיו״, ווערן ניט גערעכנט אין מנין המצוות, ווייל זיי זיינען ניט קיין ציוויים אויף אַ געוויסן פּרט, נאָר זיי נעמען אַרום די גאַנצע תורה. ולכאורה, איז דאָך אויך די מצוה „והלכת בדרכיו״ אַ ציווי כללי, וואָרום כאָטש די פּרטים הנ״ל פון דער מצוה: „הי׳ חנון״, „הי׳ רחום״ און „הי׳ חסיד״ גייען אַריין אין גמילות חסדים, וועלכע גייט אַריין אין מצות „ואהבת לרעך כמוך [4]). איז דאָך אָבער לויט דעם ווי מ׳איז מבאר דעם פּירוש פון „והלכת בדרכיו״ — „להדמות בו יתעלה כפי היכולת״ — גייט דאָך דאָס אויף אַלע מצוות, וואָס זיי אַלע זיינען „דרכיו״ של הקב״ה, וואָרום דער אויבערשטער איז מקיים אַלע מצוות [5]) — איז דאָך דער ציווי „והלכת בדרכיו״ ניט קיין מצוה פּרטית, נאָר ער איז כולל אַלע מצוות. און פונדעסטוועגן ציילט אים דער רמב״ם אין מנין המצוות[*5]?

מוז מען זאָגן, אַז אין דעם ציווי „והלכת בדרכיו״ איז פאַראַן אַ געוויסער ענין וואָס איז ניטאָ אין אַנדערע ציוויים, און צוליב דעם חידוש אין דעם ציווי, ווערט ער גע־ציילט אין דעם מנין המצוות [6]). על־דרך ווי די מצוה „ועבדתם את ה׳ אלקיכם״, וואָס כאָטש אַז זי איז פון די ציוויים כוללים — וואָרום מיט יעדער מצוה דינט מען דעם אויבער־שטן — פונדעסטוועגן, מצד דעם חידוש וואָס איז פאַראַן אין דער מצוה, ווערט זי געציילט אין מנין המצוות [7]).

ב. וואָס איז דער חידוש אין דעם ציווי „והלכת בדרכיו״ וואָס שטייט ניט אין אַנדערע מצוות? — „והלכת״, אַז דער אופן קיום המצוות דאַרף זיין בדרך הליכה. עס קען זיין אַז מען זאָל מקיים זיין מצוות און פונדעסטוועגן בלייבן שטיין אויפן זעלבן אָרט, אין דעם זעלבן מעמד ומצב ווי מען איז געווען אידער מען האָט מקיים געווען די מצוה. אויף דעם קומט דער ציווי „והלכת״, אַז מען זאָל מקיים זיין מצוות אויף אַזאַ אופן, אַז זיי זאָלן פועל׳ן אַ הליכה אין דעם מענטשן וואָס איז זיי מקיים; ער זאָל אַרויסגיין פון זיין פריערדיקן מצב און דערהויבן ווערן אין אַ העכערער מדריגה.

און דורך וואָס פועל׳ט מען דעם „והלכת״ — דורכן „בדרכיו״: ער איז מקיים יעדער מצוה צוליב דעם וואָס זי איז דרכו של הקב״ה, ער טוט עס בכדי „להדמות בו יתעלה״, און דאַן ווירקן אויף אים די מצוות דעם ענין פון — „הלכת״.

און כאָטש אַז דער קיום המצוות פועל׳ט זיכער אַ זיכוך אין דעם אדם וואָס איז מקיים די מצוות, אין וועלכן אופן ער זאָל זיי נאָר מקיים זיין, אויך ווען ער איז דערביי ניט מקיים דעם באַזונדערן ציווי „והלכת בדרכיו״ (ביז אַז אפילו ווען ער איז מקיים אַ מצוה אין דעם נידעריקסטן אופן פון „שלא לשמה״ אויך דאַן ווירקט די מצוה אין אים) און דורך יעדער זיכוך גייט ער

---

3) ספר המצות שרש ד.

4) שם שרש ב.

5) שמו״ר פ״ל, ט. וכמש״נ ושמרו דרך ה׳ (וירא יח, יט).

*5) ראה גם בארוכה לקו״ש תבא תשמ״ח.

6) ראה שרש ד שם שאין למנות „כי לא ציווה לעשות דבר זולת מה שידעמו״.

7) ספר המצות מ״ע ה.

דאָך אַוועק פון זיין פריערדיקן מצב — דאָס איז אָבער אַן ענין שבהעלם. דער ציווי „והלכת" איז, צו מקיים זיין די מצוות באופן כזה אַז עס זאָל זיך פילן בגילוי ווי דורך דער מצוה ווערט ער והלכת.

ג. אויפן פסוק [8] „ונתתי לך מהלכים בין העומדים האלה" שטייט אין חסידות [9] אַז מלאכים, און אַזוי אויך נשמות איידער זיי נידערן אַראָפּ למטה, ווערן אָנגערופן „עומדים", און נשמות למטה, דורך זייער קיום פון תורה ומצוות, ווערן גערופן „מהלכים". און חסידות איז מבאר [10], אַז כאָטש אויך מלאכים, ומכל־שכן נשמות למעלה, זיינען כסדר עולה בעילוי אחר עילוי, פונדעסטוועגן ווערן זיי גערופן „עומדים", ווייל זייערע עליות זיינען בסדר והדרגה — ממילא זיינען זיי באַגרענעצט: יעדער עלי' איז בערך צו דער פריערדיקער און ווי הויך עס זאָל ניט זיין די מדריגה צו וועלכער זיי דערהויבן זיך, איז זי נאָך פאַרבונדן און האָט אַ שייכות צו דער נידעריקסטער מדריגה ביי וועלכער זיי האָבן געהאַלטן גאָר פון אָנהייבס. און דעריבער הייסן זיי „עומדים", זיי שטייען אַלץ אויף איין אָרט: אויך דורך זייערע העכסטע עליות גייען זיי ניט אַוועק אינגאַנצן פון די פריערדיקע, נידעריקע מדריגות. „מהלכים" (וואָס ווערט אויפגעטאָן אין נשמות נאָך זייער אַראָפּקומען למטה) מיינט, אַז די עליות זיינען העכער פון סדר און אָן קיין גרענעץ: דערגרייכנדיק צו דער העכערער מדריגה זיינען זיי שוין אינגאַנצן „אַוועק" און האָבן ניט קיין שייכות מיט דער דרגא אין וועלכער זיי זיינען געשטאַנען פריער.

פון דעם איז מובן, אַז דער פירוש פון „והלכת בדרכיו" איז, אַז דער קיום המצוות זאָל זיין אין אַזאַ אופן, אַז ער זאָל דערהויבן ווערן דורך זיי אין אַן אופן בלתי מוגבל, אַן איבערגאַנג פון גבול אין בלי גבול, וואָס דאַן איז ער אַ „מהלך".

אַ נברא איז דאָך אָבער אַ מוגבל, איז: א) ווי קען ער דורך זיין באַגרעניצטער עבודה עולה זיין בלי גבול? און ב) אויב ער דערגרייכט יאָ צו בלי גבול, ווי קען ער דאַן בלייבן אַ נברא מוגבל? לכאורה מוז ער דאָך ווערן אויס נברא. אויף דעם זאָגט ער „והלכת בדרכיו", דו זאָלסט זיך פאַרבינדן מיט דרכיו של הקב"ה (דורך מקיים זיין די מצוות צוליב דעם וואָס זיי זיינען דרכיו של הקב"ה, כנ"ל). און וויבאַלד אַז דער אויבערשטער איז „נמנע הנמנעות" [11] און איז „נושא הפכים", קען ער יתברך פאַרבינדן גבול מיט בלי גבול צוזאַמען, אַז א) אַ נברא דורך זיין עבודה מוגבלת זאָל זיך ביי אים אויפטאָן דער „והלכת", ער זאָל עולה זיין בעילוי בלתי מוגבל, און ב) אַז אויך נאָך זיין אומבאַגרענעצטער עלי' זאָל ער פאַרבלייבן במציאותו המוגבלת.

ד. מען דאַרף נאָך אָבער פאַרשטיין: די כוונה העליונה איז דאָך, אַז אַלע עילויים צו וועלכע אַ מענטש קומט צו, זאָלן זיין דורך עבודה דוקא. אויב מען זאָל דעם מענטשן געבן די אַלע השפעות מלמעלה, אָן זיין עבודה, איז עס ניט תכלית הטוב, ווארום ס'איז

---

8) זכרי' ג, ז.

9) תו"א וישב ל, א. לקו"ת שלח לח, ד.

10) לקו"ת שם. ד"ה צאינה וראינה תר"ס. שובה תרס"ו (בהמשך תרס"ו).

11) ראה שו"ת הרשב"א סתי"ח. דרך אמונה — להצ"צ — ע' 68.

דאן „נהמא דכיסופא״ („בושה־ברויט״)[12]. מוז מען זאָגן, אַז אויך דער עילוי פון „והלכת״, הילוך בלי גבול, קומט דוקא דורך זיין עבודה. לפי הנ״ל אָבער קומט אויס, לכאורה, אַז דורך זיין באַגרענעצטער עבודה קען ער נאָר צוקומען צו מוגבל׳דיקע עליות, און צו דעם „הילוך״ בלי גבול קומט ער צו נאָר ווייל דער אויבערשטער איז אים מעלה צו דעם.

און כאָטש אַז אַט־די עלי׳ פון „הילוך״ מיינט ניט אַז דער מענטש בעבודתו איז עולה בהגבלה, און נאָך דעם ווי ער דערגרייכט וויפל ער קען, הויבט מען אים אויף מלמעלה העכער, בלי גבול — נאָר דער אויבערשטער וואָס ער איז „נמנע הנמנעות״ גיט אַריין אַ כח אין עבודת האדם אַז די עבודה זאָל אים מעלה זיין בלי גבול; פונדעסטוועגן, וויבאַלד אַז דאָס גופא וואָס די עבודה טוט אויף דעם „הילוך״, קומט עס דאָך ניט מצד עבודת האדם, איז עס דאָך, לכאורה, ניט ווי די כוונה עליונה, אַז אַלע עליות זאָלן קומען דורך עבודה דוקא[13].

מוז מען זאָגן, אַז אויך דאָס גופא וואָס די עבודה טוט אויף דעם הילוך אין דעם מענטשן, איז עס פאַרבונדן מיט עבודת האדם.

ה. דער ביאור אין דעם:

בכדי אַז די מצוות זאָלן זיין „דרכיו״ של הקב״ה, אַז זיי זאָלן אין זיך האָבן אַ כח בלתי מוגבל, איז עס דורך דעם וואָס ביי דעם אדם העובד איז זיין קיום המצוות פאַרבונדן מיט זיין עצם הנשמה, וואָס זי איז אַ „חלק אלקה ממעל ממש״[14]) — בלי גבול. און דורך דעם וואָס דער אדם העובד איז ממשיך זיין עצם הנשמה אין דער מצוה פרטית, פון חנון כו׳ (וואָס דאָס מיינט „אף אתה הי׳ חנון; אתה הי׳ רחום; אתה הי׳ חסיד״, אַז דו אַליין (דער עצם הנפש) זאָלסט זיין אַ חנון רחום און חסיד). ד.ה. (בעבודה) אַז ער איז מקיים די מצוות מצד אמונה פשוטה און מסירת נפש (שלמעלה מטעם ודעת) וואָס קומט פון עצם הנשמה, דורך דעם טוט ער אויך אויף, אַז אין די זיינע ענינים פון חנון רחום וחסיד, ווערט נמשך דער אויבערשטער אַליין — „הקב״ה נקרא

---

12) ראה תנא דבי אליהו רבא פ״כ. לקו״ת צו ז, ד. ועייג״כ לקו״ש ח״ג ע׳ 1009 (סעיף ג).

13) ואף שגם כללות הענין דבאתעדל״ת אתעדל״ע (גם בנוגע לעילוי דבחי׳ עמידה) אינה מצד מעלת האתעדל״ת עצמה, כי אין ערוך בין נברא לבורא, ורק מצד שכן עלה ברצונו ית׳ (לקו״ת דרושי שמע״צ פג, ב. שה״ש יב, א. ונתבאר בארוכה בד״ה אדון עולם תש״ג פ״ו), מ״מ לאחר שעלה ברצונו ית׳ שעבודת הנבראים תתפוס מקום, הרי מצד רצונו ית׳ נעשה כן באמת, (וכמבואר בדרמ״צ (נד, ב) שמצד רצונו ית׳ בהצמצום, הצמצום יש לו מציאות ולכן ראוי ויתכן להיות ההתפעלות מאתעדל״ת בההארה שלאחרי הצמצום (אף שגם הארה המצומצמת היא אדוקה בו ית׳, והוא הוא המצמצם עצמו, וקמי׳ ית׳ אין הנבראים תופסים מקום כלל)) ובמילא ההמשכה היא מצד עבודתם (שלכן צריכה להיות העבודה מעין האתעדל״ע, דרמ״צ קכג, א. קס, א). משא״כ בנוגע להילוך, עלי׳ דבל״ג, שהיא בכללות, בהאור שקודם הצמצום, הרי א״א לומר, לכאורה, שמצד הרצון יהי׳ תפיסת מקום להנבראים בבחי׳ אור זה (דפעולת הרצון הוא רק שיהי׳ מציאות להצמצום, ושיתפסו מקום בבחי׳ אור המצומצם, כמובן מהמשל שם דאב ובן), וא״כ הרי הגם שעלה ברצונו שע״י העבודה ימשיכו בחי׳ אור שקודם הצמצום, אין ההמשכה מצד עבודתם הם, כ״א, מצד רצונו ית׳ שרצה שבעבודתם יומשך גם האור שלמעלה מעבודתם ושאין עבודתם תופסת מקום שם.

14) נסמן לעיל ע׳ 1122.

חנון, הקב״ה נקרא רחום, הקב״ה נקרא חסיד״. קומט דאָך אויס, אַז אויך דער ניט באַגרענעצטער הילוך אין קיום המצוות, טוט זיך אויף דורך (אופן) עבודת האדם[15].

ו. דער כח פון נמנע הנמנעות, וואָס איז דאָ אין „והלכת בדרכיו״, דריקט זיך אויס, ווי געזאָגט פריער, אין צוויי אופנים: א) אַז די עבודה המוגבלת פון דעם אדם זאָל אים קענען מעלה זיין בלי גבול. ב) אַז נאָך אַלע עליות פון בלי גבול, זאָל דער אדם פאַרבלייבן אין אַ מציאות מוגבלת. און וויבאַלד, אַז אַלע ענינים און עילויים דאַרפן קומען דורך עבודת האדם, מוז מען זאָגן אַז אויך דער עילוי וואָס ער פאַרבלייבט אין אַ מציאות מוגבלת, קומט דורך זיין עבודה:

דער אמת׳ער חיות פון אַ אידן איז פון זיין נפש האלקית[16] (ס׳איז בלויז וואָס דער חיות גייט דורך דורכן נפש הבהמית), הגם אַז דער גוף איז אַ גשמי, אַ מוגבל, און נעמט זיך פון קליפת נוגה, און די נשמה איז „חלק אלקה ממעל ממש״ — דאָך איז ניט נאָר וואָס דער גוף ווערט ניט נתבטל דורך דער נשמה, נאָר אדרבה, זי באַלעבט אים. זיין חיות איז פון נפש האלקית.

אָבער אָט־דער חיות, וואָס דער גוף לעבט פון דער נשמה, איז — בהעלם (מצד עצמו). און דער אדם דורך זיין עבודה דאַרף עס אַרויסברענגען בגילוי, אַז עס זאָל זיך אין אים דערהערן, ווי זיינע אברי הגוף לעבן פון נפש האלקית: פונקט ווי דער גוף, וואָס לעבט בגילוי פון נפש החיונית, איז באַלד ווי דער נפש וויל עפּעס טאָן, פאָלגן עס אויס אברי הגוף בדרך ממילא „תיכף ומיד בלי שום ציווי ואמירה להן ובלי שום שהיי׳ כלל״[17], אַזוי דאַרף עס זיין בנוגע דעם נפש האלקית; ווען אַ איד נעמט אַראָפּ די זאַכן וואָס פאַרשטעלן אויף דער נשמה און ער דערהערט אַז זיין חיות איז פון נפש האלקית, טוען זיינע אברים בדרך ממילא די רצונות פון נפש האלקית. ווי דער ירושלמי[18] ברענגט: „כרע מגרמי׳״ (ווען עס קומט צו „מודים״, איז די קאָפּ כורע פון זיך אַליין).

און דורך דעם וואָס אַ איד פועל׳ט דורך זיין עבודה בגילוי דעם חיבור פון נשמה און גוף, אַז זיין גוף מוגבל

15) ואף שמוכרחת להיות עבודה וזה שע״י העבודה דאתה חנון נעשה הקב״ה חנון הוא רק לאחר שעלה ברצונו יתי׳ לצמצם עצמו, אעפ״כ, רצונו יתי׳ הוא שגם המשכת הרצון תהי׳ ע״י עבודתם, וכאילו שהם עושים את הרצון.

ומה שמבואר (דרמ״צ קכג, ב. קס, ב) שהמשכת אור הבלי גבול הוא ע״י האהבה דבכל מאדך, מאד שלך, דמכיון שהעבודה היא למעלה מהגבול שבאדם לכן היא מעין ודוגמה לבחי׳ מאד העליון — המשכה וקישור זה אפשרים מפני שהנבראים שייכים לקודם הצמצום, כמבואר בפנים. אלא ששייכות זו לבד אינה מספקת, ובכדי שאור הבלי גבול יומשך בפועל, צריכה להיות עבודה ועבודה בדוגמת ומעין ההמשכה, אור הבל״ג דוגמת הבחינות שבאור המוגבל, שכל בחינה נמשכת ע״י העבודה שבדוגמתה דוקא.

16) ולכן נוגע מאד הענינים שעוסקים בהם מפני שבכל דבר ודבר שהאדם פועל ועושה מכניס בזה כחות אלקית כו׳ (ד״ה בששה״ק תער״ב ע׳ ד).

17) תניא פכ״ג.

18) ברכות פ״ב, סה״ד. וראה גם חנוך לנער ע׳ 8. לקו״ד ע׳ 284. — ולא רק בהנוגע להגוף אלא גם בנוגע לחלקו בעולם מצינו דוגמא כזו, כמסופר בס׳ השיחות (קייץ הש״ת ע׳ 104) בנוגע הרר״ה מפאריטש.

לעבט פון נפש האלקית, איז ער ממשיך דעם כח העצמות, אַז די אַלע העכסטע עליות אין אופן פון „הילוך״ זאָלן קענען זיין בגופו הגשמי, און ער זאָל זיין אַ כלי צו אַט־די עליות.

ז. ניט יעדער אײנער קען דאָך אָבער פועל'ן ביי זיך דעם ביטול אַז אברי גופו זאָלן טאָן פון זיך אַליין די רצונות פון נפש האלקית — אויף דעם קומט דער פריערדיקער ציווי (וואָס אויך דער סדר הציוויים איז בדיוק און איז נוגע צו עבודת השי״ת) — „ובו תדבק״, און ווי דער רמב״ם ברענגט [19]) פון ספרי, אַז דאָס מיינט „הדבק בחכמים ובתלמידיהם״, באַהעפטן זיך מיט די „חכמים״, די וואָס שטייען אין אַ ביטול (חכמה, כח מה, ביטול) [20]) אין אַן אופן פון מרכבה. און וויבאַלד אַז זיין יניקה איז פון די חכמים, זיי זיינען זיין „קאָפּ״ [21]), איז דורך דער דביקות אין זיי, ווערט ער אויך „נדבק בשכינה ממש״ [21]), און זיין גוף ווערט אַ כלי צום אור הנשמה, כנ״ל [22]).

דער ציווי „ובו תדבק״ איז אָבער אַן ענין כללי: ער זאָל זיך באַהעפטן מיטן אויבערשטן דורך דער דביקות בחכמים ובתלמידיהם; וואָס דורך דעם ווערט זיין גוף בכלל אַ כלי צו אלקות און ער ווערט ראוי אַז ביי אים זאָל קענען זיין דער „והלכת״, בלי גבול. דער הילוך בפועל אָבער מוז קומען דורך מעשה המצות, וואָרום „המעשה הוא העיקר״, עשיית המצוה בפועל דוקא דערלאַנגט און איז ממשיך עצמות. און בכדי אַז די המשכה זאָל זיין בגילוי, קומט אויף דעם דער ציווי „והלכת בדרכיו״, אַז דער קיום המצות זאָל זיין אין אַן אופן פון „בדרכיו״, ער זאָל זיי מקיים זיין צוליב דעם וואָס זיי זיינען דרכיו של הקב״ה, „להדמות בו יתעלה״. און דאַן, נאָך דער הקדמה פון „ובו תדבק״, פועל'ן זיי דעם „והלכת״, אַז עס ווערט

19) ספר המצות מ״ע ו. הובא בשו״ע אדה״ז שם ס״ד.

20) תניא פי״ח ופל״ה בהגהה.

21) תניא פ״ב. וראה גם לעיל ע׳ 1050 ואילך.

22) ובזה יובן לשון הספרי שם: „ומעלה אני עליך כאלו עלית למרום ונטלת ולא שעלית ונטלת בשלום אלא אפילו כאלו עשית מלחמה ונטלת וכה״א עלית למרום שבית שבי לקחת מתנות באדם״ — דלכאורה א״מ מהו לשון מרום דוקא ולא רקיע או שמים וכדומה, וגם מהו״ע המלחמה והשבי? והביאור: היחוד דגבול ובל״ג הוא מצד כח הנמנע הנמנעות, וזה מרומז ב„מרום״, שאינו תואר דבר כמו שמים ורקיע, כ״א — עילוי שאין למעלה ממנו (ע״ד המבואר בתניא פל״ו בפירוש דירה בתחתונים „שאין תחתון למטה ממנו״), שהוא העצמות נמנע הנמנעות. (ולכן גם בביהמ״ק שהי׳ בו גילוי זה, מקום הארון אינו מהמדה, כתיב בי׳ (ירמי׳ יז, יב) מרום מראשון מקום מקדשנו) — וראה רשימות הצ״צ לאיכה עה״פ ממרום שלח (אוה״ת לנ״ך ח״ב ע׳ א׳לט. וראה שם ע׳ א׳סט).

והמשכת בחי׳ „מרום״ היא ע״י המשכת עצם הנשמה המתבטאת גם בהביטול דמודה אני (וכמ״ש (ישעי׳ נז, טו) מרום וקדוש אשכון ואת דכא ושפל רוח). אלא שזהו רק העלי׳ למרום, התעוררות העצם. ואח״כ צריכה להיות ההמשכה בהעבודה פרטית בכחותיו הגלויים, לעשות „מלחמה״ עם ההעלמות והסתרים, לברר את הגוף ונה״ב וחלקו בעולם, „ליטול״ את הניצוצות שנפלו בהם ולהעלותם לשרשם — ושבית שבי.

(ואף שעבודה זו בהתעוררות עצם הנשמה ובכחותיו הפרטים הו״ע והלכת בדרכיו, מרמז זה הספרי בהציווי „ולדבקה בו״, כי תכלית הדביקות הוא ההילוך בדרכיו, כדלהלן).

דער „צדיקים אין להם מנוחה כו', שנאמר ילכו מחיל אל חיל"[23], ביז מען וועט צוקומען צו אַ העכערן זמן ובחינה — „ליום שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים".

(משיחות יו"ד שבט תשכ"א)

# ח"י אלול

א. ח"י אלול איז דער יום הולדת פון מורנו הבעש"ט (בשנת נח"ת) און פון כ"ק רבינו הזקן (בשנת קה"ת).

ס'איז ידוע[1] אַז דער אַלטער רבי פלעגט רופן דעם בעש"ט „זיידע". כפשוטו איז עס צוליב דעם וואָס דער אַלטער רבי איז געווען תלמיד תלמידו פון בעש"ט, און חז"ל זאָגן[2]: „כל המלמד בן חבירו תורה מעלה עליו הכתוב כאילו ילדו" (דער וואָס לערנט זיין חבר'ס זון תורה, איז ווי ער האָט אים געבוירן).

אָבער אין דעם מאמר חז"ל שטייט „כאילו (אַזוי ווי) ילדו", מיט אַ כ"ף הדמיון, און ניט אַז ער האָט אים טאַקע געבוירן. אַזוי רעדט זיך אויך אין חסידות[3], אַז יעדער השפעה פון שכל איז בלויז אַ הארה פון דעם משפיע, ניט קיין המשכה פון זיין עצם ווי ס'איז ביי הולדה, און דעריבער איז עס נאָר „כאילו ילדו". דער אַלטער רבי אָבער האָט גערופן דעם בעש"ט „זיידע", אָן אַ כ"ף הדמיון, און נאָך מער: ס'איז ידוע[4] וואָס ער האָט געזאָגט בנוגע ר' ברוך מעזבוזשער, וועלכער איז געווען דעם בעש"ט'ס אַן איניקל (און ער איז געווען אַן איניקל דורך אַ טאָכטער, וואָס אין בן בתו איז אַ געוויסע מעלה אויף בן בנו)[5], אַז ער — ר' ברוך — איז דעם בעש"ט'ס אַן איניקל אין גשמיות, און איך — האָט דער אַלטער רבי געזאָגט אויף זיך — בין אַן איניקל ברוחניות — און ער האָט עס געזאָגט למעליותא. ד. ה. אַז דער אַלטער רבי האָט גענומען די פנימיות פון דעם בעש"ט: ניט בלויז השפעת השכל וואָס איז אַ הארה, נאָר אפילו אָט־די פנימיות וואָס גיט זיך ניט איבער אין דער השפעה עצמית פון הולדה.

דער ביאור אין דעם בקצרה: „הצדיקים דומים לבוראם"[6]. על־דרך ווי דער אויבערשטער זאָגט „אנא נפשי כתבית יהבית"[7], אַז ער האָט אַריינגעגעבן זיין עצמות אין תורה, אַזוי איז אויך ביי צדיקים, אַז זיי גיבן אַריין זייער עצמות אין תורה. אין תורת החסידות האָט דער בעש"ט אַריינגעגעבן זיין עצם, אויך דאָס וואָס ווערט ניט איבערגעגעבן אפילו צו אַ קינד. און וויבאַלד אַז דער אַלטער רבי האָט

---

23) סוף ברכות. ועי"פ גרסת השל"ה בהקדמה בית חכמה (יז, א). עמק המלך שער הדיקנא קדישא פ"ח (סא, ג). תו"א מג"א צח, ב. וראה תו"א שמות מט, א. — וראה לקו"ש חי"ד ע' 179 ואילך. חט"ו ע' 137 ואילך.

1) התמים ח"ב ע' נו. „היום יום" כז אייר. וגם בני רבינו הזקן היו רגילים לקרוא את המגיד בשם „זיידע" ואת הבעש"ט „עלטער זיידע" (לקו"ד ח"א ע' 82).

2) סנהדרין יט, ב.

3) לקו"ת שה"ש לט, ד. ד"ה זאת תוקת התורה תרס"ו (בהמשך תרס"ו).

4) התמים שם.

5) ראה התמים ח"ג ע' כג. „היום יום" כח אייר.

6) רות רבה פ"ד, ג. וראה ב"ר פס"ז, ח. במדב"ר פ"י, ה. אסת"ר פ"ו, ב.

7) שבת קה, א וכגרסת הע"י.